בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תזריע מצורע
שנת תשפ"ה

גליון
ק"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אַרַיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ

דִי גַאנְצֶע צִיל פוּן דִי מוֹסָד אִיז נָאר מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער אוּן זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע פָּאר ווערְטֶער, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פִּילְט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אַ סֵדֶר הַיּוֹם, אָבֶּער וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער לֵייגְט מֶען דָארְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעצְט גֵייט מֶען זִיךְ וַואשְׁן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן"**, **"יֶעצְט גֵייט מֶען בֶּענְטְשְׁן, מֶען גֵייט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי עֶסְן"**, **"יֶעצְט גֵייט מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אִין כִּתָּה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אִין אַ כִּתָּה"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט"**, אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְּרֶעגְלְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן זָאלְן זֵיי עֶס וַוייטֶער קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

### דֶער קִינְד נֶעמְט מִיךְ אַרוֹיס דִי קִישְׁקֶעס...

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער קִינְד: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, עֶר נֶעמְט מִיךְ אַרוֹיס דִי קִישְׁקֶעס"**, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס עֶר נֶעמְט דִיךְ אַרוֹיס דִי קִישְׁקֶעס? וַוייל דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט לִיבּ אוּן דָאס קִינְד שְׁפִּירְט עֶס!

אַ קִינְד שְׁפִּירְט צִי זַיין טַאטֶע אוּן זַיין מְלַמֵּד זֶענֶען צוּפְרִידְן אוּן רוּאִיג מִיט אִים, צִי עֶר הָאט פְּלַאץ בַּיי זֵיי אִין הַארְץ, אָדֶער מֶען אִיז אִים בְּלוֹיז מְקַרֵב. מְקַרֵב זַיין אַ קִינְד וֶוען מֶען הָאט אִים עֶכְט נִישְׁט לִיבּ - אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד. הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דָאס אִיז דַיין קִינְד, דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט טוּן מִיט אִים, וַוייל וואוּ וֶועסְטוּ אִים לֵייגְן? עֶר אִיז דָאךְ דַיין קִינְד! אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי קוּקְן אוֹיפְ'ן קִינְד וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַצְלִיחַ זַיין מִיט אִים.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען לַיידְן מַיינֶע תַּלְמִידִים"**, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

### יֶעדֶער קִינְד זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין קָאמְפֶּעטִישָׁאן (קָאנְקוּרֶענְץ) אִין כִּתָּה.

מֶען דַארְף אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג. אַז מֶען מַאכְט אֵיין קִינְד פַאר גַבַּאי דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער פַאר גַבָּאי; מֶען קֶען מַאכְן אֵיינֶער זָאל הֶעלְפְן טֵיילְן עֶסְן בַּיי פְרִישְׁטָאג, אֵיינֶער זָאל הֶעלְפְן טֵיילְן עֶסְן בַּיי מִיטָאג, אֵיינֶער אִיז גַבַּאי אוֹיפְצוּרוּמֶען דִי כִּתָּה, אוּן אֵיינֶער זָאל אוֹיסְטֵיילְן דִי תְּהִלִּים'ס, אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְפֶער, אוּן יֶעדֶער בַּאקוּמְט דֶעם גֶעפִיל 'אִיךְ בִּין, אוּן מֶען דַארְף מִיךְ דָא הָאבְּן'.

וֶוען מֶען מַאכְט אַ שְׁפִּיל אִין שׁוּלֶע, מוּז יֶעדֶער זַיין אַ חֵלֶק פוּנֶעם שְׁפִּיל, גֶעוִויסֶע קִינְדֶער קֶענֶען טַאנְצְן, גֶעוִויסֶע קִינְדֶער

## דִי אִינְסְטְרָאקְצִיעֶס פוּן בְּרֶסְלֶב

קֶענֶען זִינְגֶען, אוּן דִי וָואס קֶענֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוּן נִישְׁט זִינְגֶען, לֵייגְט מֶען נִישְׁט אִין דִי זַייט, וַוייל 'זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד'... נָאר זִי קֶען שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן אוּן אָנְפִירְן דִי גַאנְצֶע שְׁפִּיל, אוּן מֶען זָאגְט פַאר דֶעם קִינְד: **"דוּ בִּיסְט דִי עִיקָר, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁטִילֶערְהֵייט זָאגְן וָואס אוּן וֶוער עֶס דַארְף יֶעצְט רֶעדְן אוּן וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט טוּן, אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁפִּיל"**, אַזוֹי אִיז יֶעדֶער אַ חֵלֶק אִינֶעם שְׁפִּיל.

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעטְרָאטְן

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט צֶעטְרֶעטְן קַיין קִינְדֶער.

אַ קִינְד קֶען אַסַאךְ מָאל אַזוֹי צֶעקְוֶועטְשְׁט וֶוערְן בְּלוֹיז וַוייל אֵיינֶער הָאט אִים אַמָאל גֶעזָאגְט: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אוּנְז"**, אוּן דָאס גֵייט שׁוֹין מִיטְן קִינְד זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַ מֵיידְל פוּן בֵּית פֵיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז זִי הָאט אַזַא פַּחַד פוּן גֵיין אִין קֶעמְפּ, וַוייל פַארְיָאר הָאט אִיר אֵיין מֵיידְל גֶעזָאגְט בַּיים שְׁפִּילְן אַז זִי קֶען נִישְׁט מִיט שְׁפִּילְן! עֶטְץ הֶערְטְס?! אַ קִינְד אִיז שׁוֹין צֶעדְרִיקְט 'דְרֵיי הוּנְדֶערְט טֶעג' פוּן דִי מַעֲשֶׂה, זִי צִיטֶערְט אֲפִילוּ דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אִיר לֶערֶערִין, וַוייל זִי הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אִיר אָנְקוּקְן מָאדְנֶע.

דֶערְפַאר דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זִיךְ אוּמְקוּקְן צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק צְוִוישְׁן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

יֶעצְט, אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד בַּאלֶעבַּאטֶעוֶועט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

קִינְד. צֶעקְנַאקְן, צֶעבְּרֶעכְן אוּן שְׁטְרָאפְּן אַ קִינְד אִיז דִי לֶעצְטֶע זַאךְ, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין פַארְדֶעם מַאכְן אַ זִיצוּנְג מִיטְן מְנַהֵל, זֶען צִי מֶען דַארְף שׁוֹין צוּקוּמֶען צוּ דֶעם; פְּלִיקְן אוּן שְׁטֶעכְן אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, דָאס מַאכְט מֶען שְׁפֶּעטֶער.

וָואס דֶען זָאל מֶען טוּן? - מֶען רוּפְט דֶעם קִינְד אוּן מֶען זָאגְט אִים: **"דוּ בִּיסְט אַזַא גוּט קִינְד, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען אָנְצוּפִירְן שְׁפִּילֶערַייֶען; זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער קִינְד וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִים אוֹיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִינֶעם שְׁפִּיל"**.

## דִי אִינְסְטְרָאקְצִיֶעס פוּן בְּרֶסְלֶב

אַז מִיר זֶענֶען מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אִין בְּרֶסְלֶב, דַארְפְן מִיר נָאכְגֵיין דִי אִינְסְטְרָאקְצִיֶעס פוּן בְּרֶסְלֶב! רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִויפִיל מוּסָר מֶעג מֶען גֶעבְּן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: **"מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ 'לֶעפְל' מוּסָר, מִיט אַ 'שִׁיסְל' חִיזוּק"**.

מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן שְׁטְרָאפְן, **"אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס אוּן דָאס וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטְרָאפְט"**, אוּן **"אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז מֶען גֵייט הָאבְּן קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן זַייעֶרֶע חֲבֵרִים"**; טָאג אוּן נַאכְט זָאגְט נָאר מֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ"**, אוּן אַמָאל אַמָאל וַוארְפְט מֶען אַרַיין דֶעם 'לֶעפְל' מוּסָר, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף"**.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט שׁוֹין יָא 'מוּסָר' פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֶען מֶען עֶס אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, מֶען קֶען זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז מֶען גֵייט הָאבְּן קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן זַייעֶרֶע חֲבֵרִים"**, אוּן פוּן דֶער וֶועג קֶען פַּאסִירְן אַז אַ קִינְד זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

מֶען קֶען עֶס אָבֶּער אוֹיךְ זָאגְן אַזוֹי שֵׁיין, אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, צוּ רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אַ צְוֵוייטֶער קִינְד, בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט הֶעלְפְן אַז מִיר גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן, גֵייט מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער!"** - דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְדְרִילֶען אִין דִי קֶעפּ פוּן דִי קִינְדֶער.

## וָואזְשֶׁע זָאל דָאס קְלֵיין קִינְד טְרַאכְטְן?

אִיךְ וִויל נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן צוּ לַאנְג, אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ קַל וָחוֹמֶר וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזָאגְט.

דֶער קַל וָחוֹמֶר זָאל זִיךְ יֶעדֶער מַאכְן פַאר זִיךְ; מַה-דָאךְ 'אִיךְ', וָואס אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, דָאךְ הָאבּ אִיךְ טָאג אוּן נַאכְט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת (אִין אַמֶערִיקֶע הֵייסְט עֶס קַאמְפְּלֶעקְס) צִי בֶּאֱמֶת טוֹיג אִיךְ אוּן מֶען דַארְף מִיךְ, אָדֶער מֶען זָאגְט מִיר אַז מֶען אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מִיר וַוייל מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען מִיךְ נִישְׁט; אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעמֶעגְט זַיין דֶערְוַואקְסְן אוּן דָאךְ טְרַאכְט אִיךְ: 'דִי דְּרָשָׁה מֵיינְט מֶען מִיךְ צוּ מוּסָרְ'ן', 'דִי דְּרָשָׁה מֵיינְט מֶען מִיךְ צוּ פְּלִיקְן', - - אִיז וָואזְשֶׁע זָאל דָאס קְלֵיין קִינְד טְרַאכְטְן?... אַ קְלֵיין קִינְד טְרַאכְט אַסַאךְ מֶער נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת צִי מֶען דַארְף מִיךְ יָא, צִי מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, עֶר לִיגְט בַּייַנַאכְט אִין בֶּעט אוּן חָלוֹמְ'ט פוּן דִי מוּסָר דְרָשׁוֹת וָואס עֶר הֶערְט, - אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג. אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין כִּתָּה, דַארְף גֶעבְּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין כִּתָּה; אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פְּרִיוַואט, דַארְף גֶעבְּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער פְּרִיוַואט.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ זָאל יֶעדֶעס קִינְד וֶוערְן אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוֹיפְן סְטֶעידְשׁ; דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶס אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען פְּלַאנְצְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פונעם ראש ישיבה שליט״א

## אִיךְ עֶס מָרוֹר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּן מִיר עֶסְן מָרוֹר, אוּן כָאטְשׁ וָואס יֶעצְט ווִילְן זֵיי הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט מִיר בִּין אִיךְ אָבֶּער נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ אַנְטְלוֹיף פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועגְן דֶעם, אִיךְ פִּיל אָבֶּער אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ מָשָׁל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ. אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַמָשׁ אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט צַעַר אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע צַעַר, וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מַיין זוּן נָאךְ לִיגְן אִין בֶּעט, דָאס הָאט מִיר אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַז דִי גַאנְצֶע שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען לֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה.

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט דִיר... זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן אָבֶּער אִיךְ הֵייבּ אָן פַארְשְׁטֵיין דַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין זוּן שְׁלָאפְן וְכוּ' דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר בֶּעפָארְ'ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

נָאכְן לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו פַארְשְׁטֵיי אִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הִתְבּוֹדְדוּת, סִימָן ב): "עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, בָּא לְכַעַס"; זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיין זוּן שְׁלָאפְט זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס הָאט דִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט; פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק וְכוּ'.

דוּ הָאסְט מִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט חִיזוּק מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַז צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן

יֶעצְט זָאגְט דֶער דְרִיטֶער אַז עֶר גֵייט אַוֶועק גֵיין וְכוּ׳; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט. קוֹדֶם כָּל וָואס הֵייסְט "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זֵיי ווִילְן הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט דִיר אָבֶער "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"; אַז דוּ בִּיסְט נִמְאָס פוּן זֵיי פַארְוָואס זָאלְן זֵיי וֶועלְן זַיין אִין שְׁטוּב? קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ טַאטֶע אַ כַּעְסָן.

וֶוען דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דַיין גַאנְצֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט זַיין נָאר אוֹיף דִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, פַארְקֶערְט, דוּ וֶועסְט וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר שְׁטֶערְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן.

אַוַדאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי זָאלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת וְכוּ׳, אָבֶער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן לה): "כַּעַס בָּא עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁאֵינוֹ כָּרָאוּי"; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען עֶפֶּעס וֶועט גֵיין קֶעגְן דַיין ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב ערה)

## וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן וואו מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס ווִי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רלה): "דַע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶועריִקֵייט, וֶוערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט', מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט. אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ טֶעיפְּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ׳ אָבֶער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִיקִים.

מֶען זֶעט אַז רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ אוּן וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיוֹת אוּן דְרָשׁוֹת מֶען הֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצב)

## מַיין וַוייבּ אִיז דֶעפְּרֶעסְט צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים וָואס גְלִיטְשְׁן לֵיידֶער אַוֶועק, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער יֶעצְט קוּמְט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע פוּן דֶעם אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, מִיר זָאלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין, אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער

זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶּועקְפַאלְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן סה): ״כְּשֶׁאָדָם מְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ צַעֲרוֹ, צָרִיךְ הַשּׁוֹמֵעַ לְהַחְכִּים בִּשְׁעַת הַשְּׁמִיעָה, שֶׁלֹּא יָבוֹא עָלָיו הַצַּעַר הַזֶּה״, וֶוען מֶען הֶערְט וִוי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַ צָרָה דַארְף מֶען זַיין קְלוּג, אוּן טְרַאכְטְן: ׳וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דֶער צָרָה זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מִיר׳; דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס הָאט אִים פַּאסִירְט אַ צָרָה, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן: ׳וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל׳. וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אַז אַ קִינְד אִיז אַוֶּועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג לֹא עָלֵינוּ, דַארְפְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מִיט פַאלְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ, זִי זָאל וַוייטֶער זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אוּן אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט זִי דִיר מְחַזֵּק זַיין; דֶער עִיקָר זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת יא, ו): ״בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ, וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ, כִּי אֵינְךָ יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשָׁר – הֲזֶה אוֹ זֶה, וְאִם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים״; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי אַרְבֶּעט פוּן יָארְן אִיז אַוֶּועק גֶעפַאלְן. קוּק אָן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וִוי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; עֶר הָאט גֶעהַאט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים, עֶר הָאט זִיךְ מִיט זֵיי גֶעמוּטְשֶׁעט. וֶוער עֶס הָאט תַּלְמִידִים וֵייסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף הָאבְן כּוֹחוֹת עֲצוּמִים, מֶען דַארְף הָאבְן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶון מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס וְכוּ׳, אוּן אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְן. וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעטוּן? עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן פוּן פְרִישׁ, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט נָאכְאַמָאל זַיין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִינְף תַּלְמִידִים וָואס הָאבְן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט.

וָואס הָאבְן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס גֶעטוּן וֶוען דֶער יִמַּח שְׁמוֹ׳נִיק הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳ט זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, גַאנְצֶעטֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז בְּלוֹיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְן (יִרְמְיָהוּ ג, יד): ״אֶחָד מֵעִיר, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה״? זֵיי הָאבְן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פְרִישׁ אַ נֵייעֶם דוֹר. מַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אַלֶע הָאבְן זֵיי גֶעהַאט אַיינְגֶעקְרִיצְט נוּמֶערְן אוֹיף זֵייעֶר הַאנְט, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אִין אוֹישְׁוִויץ, זֵיי פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן וִוי זֵיי הָאבְן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן פוּנְדָאסְנֵיי, דִי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע הֶעלְדְן זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט וִוי זַיינֶע קִינְדֶער פַאלְן אִים אַוֶּועק אֵיינְס נָאכְ׳ן צְוֵייטְן, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, עֶר דַארְף נָאכְמַאכְן רֶבִּי עֲקִיבָא, אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קנ)

## זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצִיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצִיֶע אוּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי! טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת.

קֶענְסְט נוּצְן אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצִיֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל – דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאטֶעקְצִיֶע, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר זֵיי; וַוייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי וֶועג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים פְרֶעגְט אִים: ״מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, עֶר וַוייזְט פַאר דֶעם אִיד זַיין מַאמֶע׳ס תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן זָאגְט אִים: ״אַזוֹי הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער״; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת אחרי קדושים תשפ״ג)

צוּ בַּאקוּמֶען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876